# שיחות ודברות קודש לפרשת חיי שרה משנת תשע"ג לפ"ק

## לאחר תפלת שחרית עם תלמידי כיתה ט' של התלמוד תורה דקהלתנו הק' בבארא פארק

בבית מדרשינו זכרון יהודה - יום ד' פרשת חיי שרה תשע"ג לפ"ק

**איך** האב גרויס הנאה געהאט מיט צו דאווענען צוזאמען מיט ענק, ב"ה מען האט זייער שיין געדאווענט. מען האט געדאווענט הויך, און מען האט געדאווענט שטאט, אזוי ווי מען דארף צו דאווענען, אזוי שטייט אין שלחן ערוך (או"ח סימן נא-ח), אז דאס דאווענען דארף זיין אזוי ווי מען ציילט געלט. ווען מען ציילט געלט, ציילט מען יעדן דאלער עקסטער, אזוי דארף מען מכוון זיין יעדעס ווארט עקסטער וואס מען זאגט ארויס. דער באשעפער זאל העלפן, אז מען זאל אייביג אזוי דאווענען, נישט נאר ווען מען איז צוזאמען אין חדר, נאר אפילו מנחה און מעריב, און שבת, דארף מען אויך אזוי דאווענען.

**איך** וועל זאגן א ווארט לכבוד די שמחה (הנחת תפלין של הבחור **יצחק טובי'** נ"ו, בן הר"ר **שלמה ליכטענשטאטער** הי"ו), און לכבוד די טייערע בחורים. די וואך אין די פרשה האט אברהם געשיקט אליעזר אז ער זאל ארויסגיין זוכן א שידוך פאר יצחק. און אליעזר האט געמאכט א סימן, אז די מיידל וואס וועט אים דערלאנגען צו טרינקען וואסער, און זי וועט אויך געבן פאר די קעמלעך, דאס איז צוגעפאסט פאר יצחק. און אזוי איז טאקע געווען, אז ער איז ארויסגעגאנגען צום באר המים, און רבקה איז געקומען, און זי האט געברענגט וואסער. נאכדעם איז רבקה אהיימגעלאפן און פארציילט אין שטוב וואס עס איז געווען, און לבן איז געקומען צו אליעזר, און דער פסוק זאגט, והנה עומד על הגמלים על העין (בראשית כד-ל). אין פשטות מיינט על העין, אז ער איז געשטאנען ביי די קוואל. אבער דער מדרש (ב"ר ס-ז) זאגט, אז 'עין' איז מלשון מעיין ומחשב. ווען א מענטש טראכט אריין אין א זאך, ווערט עס אנגערופן עיון. אליעזר איז געשטאנען און געטראכט, ער האט זיך מתבונן געווען וואס דא גייט פאר. אזוי זאגט דער מדרש.

**דער חתם סופר** (**בתורת משה** בפרשתנו פו.) שטעלט זיך, און ער פרעגט, וואס האט ער מעיין געווען. אז די תורה וויל פארציילן, אז ער האט געהאט עפעס א שאלה וואס ער האט געדארפט מעיין זיין, וואלט די תורה געדארפט זאגן וואס ער האט געטראכט. אבער סתם פארציילן אז ער איז געשטאנען דארט און געטראכט, און מען זאגט נישט וואס ער האט געטראכט, נעמט מען דאך גארנישט ארויס פון דעם וואס די תורה פארציילט והנה עומד על הגמלים על העין.

**עס** קען זיין בדרך מוסר. מען ווייסט, בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:). דער אייבערשטער האט באשאפן יעדן מענטש מיט א יצר הרע. ביז די בר מצוה האט מען נאר דעם יצר הרע אליין, ביי די בר מצוה קומט דער גאסט, דער יצר טוב. אבער על כל פנים דער יצר הרע בלייבט אויך, אפילו נאך די בר מצוה. און ער ווערט נאך שטערקער און שטערקער, ווייל ער האט שוין א מלחמה מיטן יצר טוב. און א מענטש דארף זיך קענען מתגבר זיין אויף אלע זאכן וואס דער יצר הרע רעדט אים צו, אז ער זאל נישט לערנען, און ער זאל נישט דאווענען, ער זאל גיין דא, און גיין דארט. און ער דארף וויסן, אז דער יצר הרע מיינט נישט זיין טובה. אויב מען וויל זיך מתגבר זיין אויפן יצר הרע, זאגט די גמרא, אז עס איז נישט דא נאר איין וועג, לערנען תורה. פלייסיג לערנען, טראכטען שטענדיג אין לערנען, ליגען אין לערנען תורה, דאס איז די איינציגסטע זאך וואס איז א רפואה אקעגן דעם יצר הרע. בראתי יצר הרע, איך האב באשאפן דעם יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין, און איך האב באשאפן א רפואה דערפאר, די תורה.

**דער מסלת ישרים** (פרק ה') שרייבט, אז ווען א מענטש מאכט א מאשין, און עס צוברעכט זיך,

ווער קען זאגן, וואס עס איז די בעסטע וועג עס צו פאררעכטען? נאר דער וואס האט צוזאמגעשטעלט דעם מאשין, ווייל ער ווייסט פונקטליך ווי אזוי מען דארף עס פאררעכטען. ווער האט באשאפן דעם מענטש? דער אייבערשטער. ווער האט אריינגעלייגט דעם יצר הרע אינעם מענטש? דער אייבערשטער. און אז דער באשעפער זאגט, איך האב דיר באשאפן א יצר הרע, און איך גיב דיר די אינסטראקשענ"ס דערפאר, אז עס איז דא א עצה אקעגן דעם יצר הרע, צו לערנען תורה, איז א סימן אז עס איז נישט דא עפעס אנדערש. ווער עס וועט אויפקומען און זאגן, אז עס איז דא א אנדערע וועג מנצח צו זיין דעם יצר הרע, איז עס נישט ריכטיג. ווייל דער וואס האט געמאכט די מאשין, דער ווייסט פונקטליך ווי אזוי מען קען פאררעכטען די מאשין. - די תורה דאס איז דער נצחון אקעגן דעם יצר הרע.

**אליעזר** עבד אברהם איז אוועקגעפארן פון אברהם אבינו, א וועג פון זיבעצן טאג. אזוי שטייט אין מדרש (ילקוט קט), אז די מהלך פון דעם פלאץ וואו אליעזר האט געוואוינט, ביז ער איז אנגעקומען קיין חרן, איז געווען א וועג פון זיבעצן טאג. און ער קומט יעצט אן אויף א נייע פלאץ, ער דרייט זיך צווישן גוים, ער דרייט זיך ארום ביי א פאר"ק, ביי א קוואל מיט וואסער, גוים מיט גוי'טעס, אלע דרייען זיך ארום דארט. און ער געפונט זיך דארט אליין. ווי אזוי קען זיך אליעזר עבד אברהם האלטן ערליך, אז ער זאל נישט נאכגיין נאך די וועגן וואס ער זעהט ביי די גוים? דער יצר הרע קומט דאך צום מענטש איבעראל וואו ער איז, צו מען איז אין די פרעמד, צו מען איז אויף א גוי'ש פלאץ. וואס איז די עצה דערויף? האט ער מקיים געווען די עצה. ער איז געווען א תלמיד חכם, ער איז שטענדיג געזעסן און געלערנט ביי אברהם אבינו, דמשק אליעזר (בראשית טו-ב) שדולה ומשקה מתורת רבו לאחרים (יומא כח:), ער גייט אנהייבן צו טראכטען אין לערנען. ווען ער וועט זיצען דא ביי דעם קוואל און ער וועט טראכטען פון לערנען, וועט די אויג נישט קוקען וואס טוט זיך ארום און ארום, זיין קאפ וועט זיין ערגעץ אנדערש. **מען קען גיין אויף די דרייצענטע עוועניו, אבער די קאפ איז נישט אויף די גאס, דער קאפ איז יעצט ביי די גמרא וואס ער האט געלערנט, ער האלט יעצט אינמיטן ארבעה אבות נזיקין, און ער חזר'ט איבער די גמרא'ס קשיא, מיט די גמרא'ס תירוץ, תוספות קשיא און תוספות תירוץ, זיין קאפ ליגט נישט אין דעם וואס ער זעהט מיט די אויגן.** און דאס האט געבען דעם כח פאר אליעזר, אז ער זאל זיך קענען פירן ערליך. אפילו ווען ער איז געווען אין א שטוב פון בתואל און לבן, האט ער שטענדיג געטראכט אין תורה.

**זאגט** דער פסוק, והנה עומד על הגמלים על העין, ער איז געשטאנען על העין, עין מיינט אויך די אויג. איך בין אנגעקומען אויף א פלאץ וואו איך האב געזען זאכן וואס איך האב קיינמאל נישט געזען. ביז יעצט בין איך דאך געווען ביי אברהם אין שטוב, א ערליכע הייליגע שטוב. און ער האט געהאט א נסיון אז ער זאל נישט נאכגיין וואס די אויגן זעהן, מען איז צוזאמען מיט גוים און גוי'טעס ארום און ארום. וואס איז די עצה אז מען זאל נישט נכשל ווערן. זאגט דער מדרש, והנה עומד על 'העיון', איך האב אנגעהויבן צו טראכטען אין לערנען, און אז מען טראכט אין לערנען, איז עס א שמירה אקעגן די אויגן, און א שמירה אקעגן די מחשבה. ווען מען ליגט אין לערנען, ליגט מען נישט אין עפעס אנדערש. און דאס פארציילט אונז די תורה, דו זאלסט וויסן די עצה וואס מען דארף צו טון בשעת מען דרייט זיך ארום אויף א גוי'שע גאס, והנה עומד על 'העיון', ווען מען קומט אויף א פלאץ וואו מען קען זעהן זאכן וואס מען דארף נישט צו זעהן, איז די עבודה פון א יוד, והנה עומד על 'העיון', מען זאל אנהייבן טראכטען פונעם עיון. נישט סתם אזוי' טראכטען פון תורה וואס מען קען זיך נישט אריינלייגען דערין, נאר אין עיון התורה. גוט פארשטיין די גמרא'ס קשיא און די גמרא'ס תירוץ, תוספות קשיא און תוספות תירוץ, און אז מען ליגט אין עיון פון תורה, דעמאלטס טוט עס מציל זיין פונעם יצר הרע.

*

**דער** בר מצוה בחור איז די ערשטע בר מצוה אין די קלאס, דו דארפסט זיין א וועג ווייזער ווי אזוי א בר מצוה בחור זעהט אויס. ווען מען זעהט אז ווען מען ווערט בר מצוה פירט מען זיך אויף אנדערש, מען איז שוין נישט אזוי ווי מען איז געווען פאר דעם, גיט עס א סעמפ"ל פאר די איבריגע בחורים צו וויסן ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**יעדע** נייע זאך טוט א מענטש מיט א חשק. די ערשטע מאל וואס מען טוט אן תפלין טוט מען עס אן מיט א חשק, יעדע נייע מצוה וואס קומט, זאגט מען שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה. ווען מען גייט אריין זיצען אין די סוכה, ווען מען בלאזט שופר, זאגט מען שהחיינו, ווייל א גאנץ יאר האט מען נישט מקיים געווען די מצוה. ווען מען טוט אן תפלין, דאס ערשטע מאל האט עס א חשיבות, אבער די סדר איז, אז אסאך מאל קילט זיך עס אפ שפעטער מיט די צייט, און ווען מען האלט שוין פינעף יאר נאך די בר מצוה, און מען דארף אנטון די תפלין, אפילו עס איז די זעלבע תפלין, און דער זעלבער אייבערשטער, און די זעלבע מצוה, אבער עס איז שוין נישט דא די ווארימקייט וואס איז געווען בשעת מען האט אנגעהויבן. און א יוד דארף שטענדיג לעבן מיט א התחדשות, טון די מצוות התורה מיטן זעלבן כח, מיט די זעלבע נייקייט, און פרישקייט, אזוי ווי מען האט אנגעהויבן.

**איך** וועל ענדיגען מיט א מעשה וואס איך האב געזען שטיין פון **רבי איסר זלמן מלצר זצ"ל**. ער איז געווען דער שווער פון **רבי אהרן קאטלר זצ"ל**, ער איז געווען א גרויסער גדול אין ארץ ישראל, ער האט געמאכט א ספר **אבן האזל** אויפן **רמב"ם**. סוף ימיו האט ער געוואוינט אין ירושלים, און ער איז אמאל געזעסן אין שטוב מיט די תלמידים, און איינער האט ארויסגעקוקט פון פענסטער, און ער האט געזען ווי דער **בריסקער רב** קומט. האט ער געזאגט פאר **רבי איסר זלמן**, אז דער **בריסקער רב** קומט אריבער אויף א וויזיט, און ער איז דא אינדרויסן. אז דער **בריסקער רב** קומט, האט ער תיכף געהייסן אז מען זאל ריין מאכן דעם טיש, און ער האט זיך געטוישט זיין בעקיטשע, און ער האט צוזאמגענומען די בארד, ווי דער סדר איז ווען מען גייט מקבל זיין אזא אדם גדול וואס קומט. ער גייט אראפ די טרעפן ביז צו די טיר מקבל פנים זיין דעם **בריסקער רב**. ווען ער קומט אן אונטען, זעהט ער, אז עס איז געווען א טעות, עס איז נישט דער **בריסקער רב**, נאר א משולח וואס איז געקומען, און ער האט זייער גע'ענדילט צום **בריסקער רב**, אז עס האט זיך געדאכט פאר די תלמידים אז דאס איז דער **בריסקער רב**.

**רבי איסר זלמן** האט געזען אז דאס איז נישט דער **בריסקער רב**, און פון דעסטוועגן דאך איז ער געגאנגען און ער האט אים מכבד געווען. ער האט אים געזעצט נעבן זיך אויפן אויבן אן, און ער האט אים געפרעגט, מיט וואס ער קען אים ארויסהעלפן. און דער משולח האט געזאגט, אז ער דארף א בריוו ווען זיין צדקה. האט ער געבעטן אז מען זאל אים תיכף ברענגען זיינס א צעטל, און ער האט אים אפגעשריבן זייער א שיינעם בריוו, און ער האט אים ארויסבאגלייט ביז צום גאס. די אלע תלמידים האבן אזוי געשמייכלט צו זיך, אז ער איז נישט דער **בריסקער רב**, און ער גיט אים אזא כבוד.

**ווען** דער משולח איז ארויסגעגאנגען האט מען געפרעגט **רבי איסר זלמן**, דער מענטש איז דאך נישט געווען דער **בריסקער רב**, פארוואס האט ער געמאכט פון אים אזא צימעס. האט **רבי איסר זלמן** געזאגט, לעולם וואלט מען א יעדן יוד וואס קומט אריין אין שטוב אויף הכנסת אורחים, וואלט מען געדארפט אויפנעמען אזוי ווי מען נעמט אויף דעם **בריסקער רב**. עס איז א מצוה אין די תורה, מען טוט עס פארן אייבערשטען, וואס איז א חילוק צו עס איז דער **בריסקער רב**, צו עס איז א פשוטער יוד. אז מען טוט א מצוה, דארף מען עס טון מיטן גאנצן שלימות. נאר מען קען דאך נישט

אויפנעמען יעדן איינעם אזוי ווי מען נעמט אויף א אדם גדול, איז ממילא ווערט מען צוגעוואוינט. אז נאך א יוד קומט אריין, און נאך א יוד קומט אריין, ווערט אוועקגענומען דער חשק פון צו טון די מצוה בשלימות. אבער אויב איך האב שוין יא געמאכט די הכנה מקיים צו זיין די מצוה בשלימות, ווייל איך האב געמיינט אז עס איז דער **בריסקער רב**, איז ווייל עס איז נישט דער **בריסקער רב**, און איך בין מקיים א מצוה מיט א פשוטן יוד, דארף עס נישט זיין מיט אזא ווארימקייט ווי מען נעמט אויף דעם **בריסקער רב**?! האב איך אים מכבד געווען מיט וויפיל איך האב געקענט מכבד זיין דעם יוד. – דאס לערנט אונז, אז א מצוה דארף מען טון פאר יעדן יוד די זעלבע, און אין יעדן פאל, ווי אזוי מען איז, דארף מען טון די מצוה מיט א גרויס חשק. מיר האבן נאר נישט די כוחות דערצו, אז מיר זאלן עס טון שטענדיג. [ועיין עוד בגליוננו בשבוע העעל"ט מה שפירש **רבינו שליט"א** בזה].

**אבער** על כל פנים ווען א בר מצוה בחור הייבט אן דעם ערשטן טאג אין זיין לעבן וואס איז מן התורה. אינדערפרי איז עס געווען די מצוה פון תפלין און דאווענען, און יעצט וועט מען אי"ה א גאנצן טאג פלייסיג לערנען, שטייגט מען אויס, און מען וואקסט אויס א תלמיד חכם, און א ערליכער יוד. זאל דער אייבערשטער געבן אז ענק אלע זאלן אויסוואקסען גרויסע תלמידי חכמים, און בעלי יראת שמים. און ענקערע עלטערן און די רבי'ס זאלן זעהן ביי ענק אסאך שמחות און נחת. און מיר זאלן אלע זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

## בסיום הש"ס על ידי חבורת 'דרשו'

מוצאי שבת פרשת חיי שרה תשע"ג לפ"ק – בהילטאן האטעל, ניו דזשערסי

**עס** איז ביי מיר א גרויס כבוד צו באגריסן אזא חשוב'ען ציבור, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען דעם שבת, און די וואס זענען צוגעקומען מוצאי שבת. איך שפיר אז איך רעד יעצט, צו די עידית וואס איז דא אינעם כלל ישראל. יונגעלייט, תלמידי חכמים, וואס האבן אוועקגעגעבן זייערע יארן אויף אדורכצולערנען ש"ס, און די אנדערע חלקים פון 'דרשו'. עס איז באמת א שמחה פארן גאנצן כלל ישראל, אז ב"ה שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה, אז מען האט געקענט אדורכלערנען, און מסיים זיין, און נישט נאכלאזן אינדערמיט. יעדע שוועריקייט וואס קומט אן פאר א מענטש, נישט אייביג האט מען די זכות, אז מען זאל עס קענען גומר זיין, איז עס א געוואלדיגער זכות פארן כלל ישראל.

**עס** איז ביי מיר אליין א פריוואטע שמחה, איך האב ב"ה א זון וואס האט מיטגעהאלטן די פארגאנגענע חבורה פון 'דרשו', און א זון מיט אייניקליך וואס האבן יעצט אנגעהויבן מיט צו לערנען דעם צווייטן מחזור. ביי אונז אין די קהלה זענען אויך דא מערערע יונגעלייט וואס האבן זיך צוגעשטעלט דערצו, דעם שבת איז געווען דא א גאנצע טיש פון יונגעלייט פון די קהלה, ובראשם הרב יצחק זלמן גיפס זאל זיין געזונט, און הרב בנימין ברייער זאל זיין געזונט, איז עס א געוואלדיגע שמחה פאר מיר בפרטיות אנטייל צונעמען דא ביי די היינטיגע מסיבה. - איך בין מתאונן נאר אויף איין זאך, אז עס איז א שאד אז ווען מיר זענען געווען יונגעלייט, איז נישט געווען א חבורה פון 'דרשו', אפשר וואלט איך אויך אנדערש אויסגעזען, ווען איך וואלט מיטגעהאלטן די פראגראם פון 'דרשו' אין די יונגע יארן.

*

**מען** קען זיך נישט פארשטעלן וויפיל פלאג עס גייט אריין פאר יונגעלייט, אז זיי זאלן עס קענען אדורכגיין. מען דארף וויסן דאס צו שעצן, מיט וויפיל פלאג עס קומט אן, אז מען זאל זיך קענען פארהערן יעדן חודש. יעדע פרייע מינוט וואס מען האט, ווערט אוועקגעגעבן

איבערצו'חזר'ן וואס מען האט געלערנט. עס איז תורה וואס ווערט געלערנט מיט אסאך יגיעה, אז מען זאל קענען צוקומען גומר צו זיין, דאס האט פאר זיך א עקסטערע חשיבות. מען דארף האבן אסאך עקשנות אין זיך, נישט נאכצולאזן, נאך א חודש, נאך א חודש. און ב"ה אז עס איז אדורכגעגאנגען נאך א יאר, און נאך א יאר, און מען האט גומר געווען, קומט זיך א געוואלדיגע קרעדי"ט פאר די אלע וואס האבען געהאט א חלק דערין.

**איך** פארשטיי אז עס איז דא א גרויס חלק פונעם ציבור, וואס האט נישט מיטגעלערנט מיט 'דרשו' ביז יעצט, אבער זיי האבן אנגעהויבן יעצט מיטן נייעם מחזור. און איך וויל זיי מחזק זיין, און מעודד זיין, נישט נאכצולאזן אינדערמיט, ווען עס קומט אן שווער. עס קומט באלד מסכת עירובין, שווערע פרקים, מען זאל נישט נאכלאזן פון דעם וואס מען האט געלערנט. נאר אדרבה מען דארף זיך פרייען אז מען קען האבן אזא מסגרת, אז מען זאל קענען זוכה זיין מסיים צו זיין גאנץ ש"ס.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בתורת משה בפרשתנו פא:) זאגט אויף אליעזר, וואס ער איז געווען זקן ביתו פון אברהם אבינו. זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אז זקן ווערט אנגערופן אין די תורה, אויף צוויי ערליי אופנים. עס איז דא א זקן, וואס עס גייען אדורך זיינע יארן פונעם לעבן, ביז מען ווערט אלט, און מען באקומט א שיבה טובה. דאס איז א זקן בפועל, ער איז געווארן א אלטער יוד. אין די תורה ווערט א יניק וחכים אויך אנגערופן א זקן. אפילו מען איז יונג, אבער אז ער איז א חכם אין תורה, ווערט ער אנגערופן א זקן. פארוואס הייסט ער א זקן? זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, ווייל עס איז דא זקן בקנין. ווען א יוד לערנט תורה פון זקנים, ער נעמט איבער די חכמה וואס דער זקן האט, יונגערהייט, איז ער אין חכמה אזוי ווי א זקן, ווייל ער האט איבערגענומען די חכמה פון דעם זקן'ס תורה. - ווען א יוד לערנט אדורך ש"ס, ער לערנט אדורך הויות דאביי ורבא, אפילו ער איז יונג, איז ער קונה די געוואלדיגע עמקות פון תורה, וואס זיי האבן געהאט ביי זיך אין די זקנה, ווערט דעם ווערט א יניק וחכים אויך אנגערופן א זקן.

**ואברהם** זקן בא בימים (בראשית כד-א), אברהם איז געווען א זקן, בא בימים, ער איז טאקע באמת געווען א זקן. אבער דער אליעזר וואס איז געווען זקן ביתו, איז בעצם נישט געווען קיין זקן, אבער ער האט קונה געווען אין די יוגנט, די חכמה וואס איז געווען אין די שטוב פון אברהם. ער איז געווען דער מושל בכל אשר לו, ער האט מושל געווען אין די גאנצע תורה פון אברהם אבינו, און דורך דעם איז ער געווען גערעכנט ווי א זקן. - על פי תורה קען מען זיין יונג, און מען ווערט גערעכנט פאר א זקן, און עס איז דא די מצוה פון והדרת פני זקן.

**עס** קען זיין אז דאס איז מרומז אין די ווערטער פון דוד המלך (תהלים קמח-יב), זקנים עם נערים יהללו את שם ה'. מען קען זיין נערים, מען קען זיין פון די יונגע, און ער איז א זקן אויך, זקנים עם נערים. די אלע וואס האבן זוכה געווען מסיים צו זיין די קנינים וואס מען האט געלערנט אין 'דרשו', די זענען זקנים עם נערים, אפילו זיי זענען יונג אין יארן, זענען זיי אבער אלט אין חכמה, יהללו את שם ה', זיי ווייסן אליין נישט וויפיל זיי דארפן אפגעבן א שבח והודאה פארן באשעפער, אז זיי האבן זוכה געווען דאס אדורכצוגיין, און זיי האבן זוכה געווען דאס מסיים צו זיין.

*

**אז** מען האט זוכה געווען אדורכצולערנען ש"ס, מיינט דאס צו זאגן, אז דאס איז א יונגערמאן וואס איז מוכשר אויסצוואקסען א גדול בישראל פארן צוקונפדיגען דור. ער האט אין זיך כלים וואס ער איז מוכשר אז ער זאל אויסוואקסען א גדול בישראל. ווייל מען קען נישט קענען ש"ס ווען מען האט נישט די כלים וואס ער איז מוכשר דערצו. און דאס פארלאנגט זיך פון די בני תורה, נישט נאכלאזן פון זייער תורה. מען האט נישט געענדיגט מיט 'דרשו',

'דרשו' האט נאך אסאך פראגראמען וואס מען דארף צו לערנען, אויסער דאס איבערחזר'ן וואס מען האט געלערנט ביז יעצט. מען דארף גיין ווייטער, זיך ארייגלייגען אין עולם התורה, נישט ארויסגיין אויף די גאס, נישט זוכן גליקן אין די גשמיות'דיגע וועלט. אז מען האט זוכה געווען אזויפיל צו שטייגן אין תורה, דארף מען דאס אויסנוצן ווייטער פאר כבוד התורה.

**א** יונגערמאן האט מיר פארציילט, אז זיין פאטער האט אים אויסגעהאלטן אין כולל צען יאר. נאך צען יאר האט ער אמאל געזאגט פארן פאטער, אז ער טראכט ארויסצוגיין פונעם כולל, און אנהייבען עוסק צו זיין אין מסחר. פרעגט אים דער פאטער, פארוואס פאלט דיר איין ארויסצוגיין פון כולל, און עוסק זיין אין מסחר? עס פעלט דיר דען פרנסה? איך גיב דיר דאך וואס דו דארפסט האבן. זאגט אים דער זון, 'אבער א מיליאנער קען מען פון דעם נישט ווערן'. האט אים דער טאטע געזאגט, **'אויף דעם האב איך דיך אויסגעהאלטן צען יאר, אז דו זאלסט זיצען און לערנען, אז נאכדעם זאל איך קענען פון דיר הערן אזעלכע ווערטער, אז פון דעם מען קען נישט ווערן א מיליאנער?! איז דען די תורה נישט מער ווערט פון א מיליאן דאלער?** אויף דעם ביזטו געזעסן און געלערנט צען יאר, אז נאכדעם זאלסטו מיר קענען זאגן אז א מיליאן דאלער איז מער ווערט פון תורה?!

**די** וואס האבן זוכה געווען און זיי האבן מסיים געווען מיט די חבורה פון 'דרשו', זענען מוכשרים אויסצוּוואקסען גדולי ישראל. זיי טארן נישט ארויסגיין פון עולם התורה! זיי דארפן זיך נאך מער אריינווארפען אין תורה, ללמוד וללמד לשמור ולעשות, און אויסוואקסן מורה הוראות בישראל. תורה איז נישט גענוג אז מען לערנט פאר זיך, מען דארף זיך אריינלייגען אין 'ללמד', אנהייבן צו געבן שיעורים, זוכן פלעצער וואו מען קען מרביץ תורה זיין. שיעורים פאר בעלי בתים, שיעורים פאר בחורים. דאס איז דער פליכט פון א יונגערמאן וואס איז צוגעקומען ביז דא, און ער האט מסיים געווען, צו גיין פון דא ווייטער. דאס איז א סולם וואס איז מוצב ארצה, וראשו מגיע השמימה.

**אויסער** תורה איז דא עבודה, און תיקון המדות, ווי עס פאסט זיך פאר א בן תורה. א בן תורה איז נישט גענוג אז ער לערנט תורה, און ער קען לערנען, עס איז דא א עבודה וואס קומט נאכדעם. איך וועל נאכזאגן א לשון פונעם **רמב"ם** (הל' יסודי התורה ה-יא), ווען דער **רמב"ם** רעדט פון חילול ה' און קידוש ה', זאגט דער **רמב"ם**, אז טאמער א תלמיד חכם טוט א זאך, וואס מענטשען זענען מרנן דערויף, איז עס בגדר פון חילול ה'. און דער **רמב"ם** זאגט, וואס מיינט קידוש ה' ביי א תלמיד חכם, אם דקדק החכם על עצמו, והיה דיבורו בנחת עם הבריות, ווען א מענטש רעדט שיין מיט א אנדערן, ודעתו מעורבת עמהם, ומקבלם בסבר פנים יפות, ער נעמט אויף א צווייטן מיט א סבר פנים יפות, ונעלב מהם ואינו עולבם, ער האט אין זיך א כח אז ווען מען פארשעמט אים, וועט ער נישט צוריק ענטפערן, מכבד להם ואפילו למקילין לו, ער איז מכבד אפילו איינער וואס טוט אים גרינגשעצן, ונושא ונותן באמונה, ער האנדעלט ערליך, ולא ירבה באריחות עמי הארץ וישיבתן, ער זיצט נישט צוזאמען מיט עמי הארצים, און ער פארברענגט נישט מיט זיי, ולא יראה תמיד אלא עוסק בתורה, עטוף בציצית, ומוכתר בתפלין, ועושה כל מעשיו לפנים משורת הדין, וואס ער טוט איז לפנים משורת הדין, והוא שלא יתרחק הרבה, זיך נישט דערווייטערן פון מענטשען, ולא ישתומם, און ער זאל נישט זיין אויסטערליש, עד שימצאו הכל מקלסין אותו. א תלמיד חכם דארף זיך אזוי פירן, אז יעדער זאל אים ליבן, ואוהבים אותו, און מען זאל אים ליב האבן, ומתאוים למעשיו, און עס זאל זיך גליסטן אז מען זאל אויסקוקען אזוי ווי דער יונגערמאן קוקט אויס. ווען א מענטש פירט זיך אזוי, זאגט דער **רמב"ם**, הרי זה קידש את ה', איז ער מקדש דעם אייבערשטענס נאמען, ועליו הכתוב (ישעיה מט-ג) אומר, ויאמר לי עבדי אתה ישראל אשר בך אתפאר.

*

**איך האב געוואלט צוגעבן נאך א פאר ווערטער, פאר די עזרת נשים, פאר די נשים שאננות, וואס זיי האבן א גרויס חלק אין דעם וואס זייערע מענער, די יונגעלייט, זענען אויסגעוואקסן, און זיי האבן מיטגעהאלטן די פראגראם פון 'דרשו'.** מען האט נישט קיין השגה ווי שווער עס איז פאר א יונג ווייבל אינדערהיים, א שטוב מיט קינדער, וואס מען דארף האבן די הילף פונעם מאן אין שטוב שטענדיג, און דער מאן קומט אהיים, און ער זאגט, איך האב נישט קיין צייט, איך מוז ענדיגען, איך האב נישט גע'ענדיגט מיין סדר. זונטאג איז דא א בחינה, און איך בין נישט גרייט, איך האב נישט צייט פאר דיר, נישט שבת און נישט מוצאי שבת, אז איך זאל דיר קענען העלפן. בעביסיטינ"ג איז נישט פאר מיר, איך מוז אין די צייט לערנען. וויפיל מסירת נפש איז דאס פון זיי, וואס זיי טוען צוהעלפן פאר די מענער, אז זיי זאלן אויסוואקסן תלמידי חכמים.

**אבער** זייער שכר איז זייער גרויס. די גמרא (ברכות יז.) זאגט, אז דער שכר וואס דער אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר די נשים, שטייט העכער פון דעם שכר וואס דער אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר די אנשים. זיי האבן די זכות פון דעם וואס זיי שטעלן אויף תלמידי חכמים, וואס חלק כחלק יאכלו (דברים יח-ח), זיי באקומען אויך א חלק אין די עבודה. אבער זיי זאלן וויסן, אז עס וועט זיי זייער שיין באצאלט ווערן אוך אויף די וועלט, נישט נאר אין עולם הבא. **אז מען האט א מאן א תלמיד חכם, איז די שטוב א אנדערע שטוב, דאס איידלקייט וואס איז דא אינעם שטוב, די שלום בית וואס איז דא אינעם שטוב, איז אינו דומה ביי א שטוב פון תורה, ווי ביי א פשוטע שטוב. דאס איידלקייט, און די פיינקייט, און די מדות טובות, וואס תורה לייגט אריין אין א מענטש, דאס טוט אויפהייבן דאס גאנצע שטוב. און עס וועלן ארויסקומען פון אזא שטוב קינדער תלמידי חכמים, וואס זעהן שטענדיג וואו דער טאטע איז נאר פארנומען מיט לימוד התורה, זיי זעהן ווי אזוי די מאמע שעצט תורה, דאס איז די ברכה וואס דער אייבערשטער באצאלט זיי אויף די וועלט.** ווען עס איז אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך, ווען זי איז די ריכטיגע אשת חיל, זי טוט צוהעלפן פארן מאן צו קענען לערנען, ווערט עס באצאלט פאר איר אין די שטוב אליין, מיט נחת וואס מען זעהט ביי קינדער, בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך (תהלים קכח-ג), קינדער וואס ווערן ערצויגן מיט איידלקייט, און מדות טובות. זייער זכות איז זייער גרויס, און זיי דארפן דאס ממשיך זיין, פארלאנגן פון די מענער, זיי זאלן אויך מיטהאלטן די אנדערע קנינים פון 'דרשו', איבערצו'חזר'ן, און נאכאמאל איבערגיין וואס מען האט געלערנט. ווייל דאס איז די זכות פון א אשת חיל, אז זי טוט צוהעלפן פארן מאן אז ער זאל קענען זיצן און לערנען.

*

**איך** וועל מסיים זיין מיט א ברכה פאר רבי דוד זאל זיין געזונט, וואס איז דער נשיא פון דעם געדאנק פון 'דרשו', בכח ובממון, און אלעס וואס ער גיט זיך אוועק פאר דעם. מען האט שוין געליינט די פרשה פון תולדות, וואו מיר זעהן אז יצחק אבינו האט געוואלט בענטשען עשו מיט די ברכות פון ויתן לך אלקים מטל השמים ומשמני הארץ, און רבקה האט אזוי מזמין געווען, אז יעקב זאל באקומען די ברכה. און עס איז א געוואלדיגע פלא צו פארשטיין, ער האט דאך געוואוסט ווער יעקב איז, א איש תם יושב אהלים (בראשית כה-כז), ער זיצט און ער לערנט. קומען דען נישט די ברכות פאר א איש תם יושב אהלים?! אפילו ווען ער האט געקענט מרמה זיין דעם פאטער, אז ער קען אויך לערנען, אבער וואו קומט עס צו א יעקב וואס איז א איש תם יושב אהלים, אוועקגעבן די ברכות פאר עשו, וואס איז א יודע ציד.

**זאגט** אויף דעם דער הייליגער **חתם סופר** (בפרשתנו קכא:, קכב:), אז יצחק אבינו האט געוואוסט, אז כלל ישראל דארף האבן א יששכר מיט א זבולון. יששכר דארף זיצען און לערנען, און עס דארף זיין איינער וואס זאל אויסהאלטן דעם יששכר. האט ער געטראכט ביי זיך, ער האט צוויי קינדער, עשו איז א גוטער ביזנעס מאן, ער איז א איש יודע ציד איש שדה. יעקב

איז א איש תם יושב אהלים, איך גיי מאכן דעם עשו אז ער זאל זיין דער זבולון, ער זאל זיין פיל מיט געלט, און ער זאל קענען אויסהאלטן דעם יעקב אבינו. און דאס איז געווען די כוונה פארוואס יצחק האט געוואלט בענטשען עשו, מיט די ברכה פון ויתן לך אלקים מטל השמים ומשמני הארץ, כדי ער זאל קענען אויסהאלטן דעם יעקב. די מאמע רבקה האט אבער געוואוסט, אז עשו וועט נישט אויסהאלטן יעקב, עשו וועט נעמען דאס געלט פאר זיך, נאכצוגיין זיינע תאות הגוף. יעקב אליין דארף האבן ביי זיך, סיי א יששכר און סיי א זבולון. עס מוז זיין צוויי שבטים פונעם כלל ישראל אליין, וואס זאלן אויסהאלטן תורה. און די תורה וועט האבן א קיום, דאס וועט זיך האלטן.

**און** דאס איז דער זכות, וואס דער אייבערשטער האט געהאלפן אין דעם דור פאר רבי דוד זאל זיין געזונט, וואס ער איז נישט נאר א יששכר פאר זיך אליין, וואס ער זיצט און לערנט, און ער גיט ארויס ספרים, און ער לעבט אין תורה, נאר עס איז א יששכר מיט א זבולוןביידע צוזאמען, און עס איז חלק כחלק יאכלו, ער באקומט א חלק אין די אלע מצות און מעשים טובים, און אין די לימוד התורה וואס קומט ארויס פון די שטובער וואס זענען אויסגעבויט אין תורה.

**וויל** איך נאר אזויפיל וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן ווייטער אויך לאנגע געזונטע יארן להגדיל תורה ולהאדירה. און מיין עיקר ברכה איז פאר די תלמידי חכמים, איר זענט די שענסטע וואס די וועלט פארמאגט, און אויף ענק קוקט ארויס דער דור, אז איר זאלט אויסוואקסען נרות להאיר, צו באלייכטען שפעטער יודישע שטובער. דער באשעפער זאל געבן, אז חפץ ה' בידכם יצליח, מען זאל זיך נישט אפשטעלן דא, נאר עס זאל זיין מוסיף והולך, צוצוקומען און שטייגען אין תורה און אין עבודת ה'. וועט דער אייבערשטער געבן אז מען וועט קענען אויפשטעלן שיינע לעכטיגע יודישע שטובער, עס זאל נתרבה ווערן די וועלט פון תורה הק', עס זאלן צוקומען כהנה וכהנה צו 'דרשו', וואס וועלן קיינמאל נישט חרטה האבן פון דעם וואס זיי וועלן אריינגיין אין דעם פראגראם, און ביי די קומענדיגע מחזור וועלן זיי אויך זיין פון די וואס האבן געענדיגט און מיטגעהאלטן. זאל דער אייבערשטער אונז אלע געבן, אז מיר זאלן קענען זיצען און לערנען מתוך נחת והרחבת הדעת, דער באשעפער זאל ממשיך זיין א שפע פון ברכה פארן גאנצן כלל ישראל. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.